## תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר



בהתיסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א
קרית יואל - בני ברק

# מן הבאר ההוא ישקו העדרים

**שבת זכור - פורים**



**כיתה ח' (א-ב)**

**הר"ר יואל גרינוואלד הי"ו**
**הר"ר שאול יחזקאל שווארץ הי"ו**

בס"ד

# שבת זכור

**כתוב זאת זכרון בספר ושים באזני יהושע כי מחה אמחה את זכר עמלק.**

דער הייליגער ראפשיצער רב זאגט אז אין פרשת בשלח שטייט "כי מחה אמחה את זכר עמלק", אז דער אויבערשטער וועט אפמעקן עמלק, און אין פרשת כי תצא שטייט "תמחה את זכר עמלק" אז די מצוה איז אויף די אידן אפצומעקן עמלק, ווייל מלחמת עמלק איז אונזער מלחמה מיטן יצה"ר, און מיר דארפן אים עוקר זיין מן השורש, אבער חז"ל זאגן שוין אז א מענטש קען נישט אליינס אויסרייסן דעם יצה"ר, "אלמלא הקב"ה עוזרו לא יוכל לו".

ועגן דעם האט דער אויבערשטער געזאגט "כי מחה אמחה את זכר עמלק", אז דער אויברשטער וועט זיך מתגבר זיין און אויסרייסן עמלק, נאר כדי דער מענטש זאל טוהן אין די מלחמה, האט דער אויבערשטער געזאגט "**כתוב זא"ת זכרון בספר**",זא"ת איז ראשי תיבות **ת**'מחה **א**'ת **ז**'כר, אז דער אויבערשטער הייסט די אידן "תמחה", דו זאלסט טוהן השתדלות אפצומעקן דעם זכר עמלק, אבער "**ושים באזני יהושע**" פאר יהושע בן נון קענסטו אויסזאגן דעם סוד אז "**כי מחה אמחה**" אז באמת וועט דער אויבערשטער אויסמעקן דעם זכר עמלק.

# פורים

**במדרש אילו שמע המן לעצת אשתו לא היה נתלה.** לכאורה דארף מען פארשטיין המן האט דאך געפאלגט די עצה פון זיין ווייב, און דאך האט מען אים נעהאנגען.

בס"ד

נאר לכאורה איז שווער פארוואס האט זרש געזאגט פאר המן "ובבוקר אמור למלך ויתלו את מרדכי עליו", פארוואס האט זי געוואלט אז ער זאל הערשט גיין צום קעניג אינדערפרי?.

ענטפערט הגאון רבי אברהם בנימין קלוגער זצ"ל (בן הגה"ק רבי שלמה קלוגער זצ"ל) אז דער ר"ן זאגט אין מס' ראש השנה (דף יא.) "בניסן נגאלו ובניסן עתידין להיגאל", ווייל א זאך וואס מ'האט געטוהן איינמאל איז שוין גרינגער צו טוהן נאכאמאל, ממילא אין חודש ניסן זענען שוין אידן איינמאל אויסגעלייזט געווארן, איז לייכטער מעורר צו זיין די גאולה.

דער תרגום אויפן פסוק "בלילה ההוא" רעכנט אויס פארשידענע נסים וואס זענען געמאכט געווארן ביינאכט, וועגן דעם האט זרש איהם מייעץ געווען אז ער זאל נישט גיין צום קעניג ביינאכט ווייל דעמאלטס איז דער זמן מסוגל פאר די אידן, נאר ער זאלווארטן ביז אנדערפרי, אבער המן האט זיך נישט געקענט איינהאלטן און ער איז שוין געקומען צו לויפן צום קעניג אינמיטן די נאכט, און וועגן דעם איז ער געהאנגען געווארן.

דאס זאגט דער מדרש "אילו שמע המן לעצת אשתו", אויב ער פאלגט ווען וואס זרש האט אים געהייסן ווארטן ביז אינדערפרי, ווען עס איז שוין נישט דער זמן מסוגל פאר די אידן אס עס זאל זיי געשעהן א נס, לא היה נתלה, וואלט ער געקענט פארשפארן נישט צו ווערן געהאנגען.

בס״ד

# ענינים אויף קריאת המגילה

מיט יעדעסווארט וואס מען זאגט ארויס פון די מגילה ווערט א ליכטיגקייט אויף די וועלט און עס ווערט דערפון באשאפן א מלאך טוב.

(קדושת לוי)

◈ ◈ ◈

אלע צרות וואס מעןליידט איז אלעס כדאי אז מען זאל זוכה זיין צו איין פורים און צו איין מאל הערן מגילה ליינען.

(כ״ק מרן רבינו בעל דברי יואל זי״ע – תשי״ז)

◈ ◈ ◈

די גמרא זאגט אין מסכת מגילה, אסתר המלכה האט געבעטן א בקשה פון די הייליגע חכמים כתבוני לדורות, שרייבט מיר אפ פאר די שפעטער׳דיגע דורות, האט זי געמיינט דערמיט צו זאגן, אז ביי די שפעטערדיגע דורות זאל אויך זיין די זעלבע, אז דורכדעם וואס מען ליינט די מגילה, זאל נמשך ווערן א לעבטיגקייט פון קדושה, און דאס זאל ממשיך זיין חסדים אויף אידן, און ממתיק זיין אלע דינים פון אידן, און עס זאל וויטער געשעהן נסים אין יעדן דור.

(מאור ושמש)

◈ ◈ ◈

דו זאלסט וויסן אז עס איז דא א עולם קדוש ונורא מאד, וואס דאס ווערט אנטפלעקט – צוליב די גרויסע פארבטיגקייט פון די וועלט – נאר איין מאל א יאר, בשעת מען ליינט די מגילה דעמאלטס ווערט דאס נתגלה, און פון דעם זעלבן וועלט איז געווען די נשמה פון מרדכי ואסתר.

(יסוד יוסף)

◈ ◈ ◈

די גמרא זאגט ״הקורא את המגילה למפרע, לא יצא״, טייטשט דער הייליגער רבי ר׳ ברוכ׳ל מעזיבוז׳ער זי״ע, אויב מען ליינט די מגילה ׳למפרע׳, אז מען מיינט אז דאס איז

בס"ד

בלויז א פאסירונג פון אמאליגע צייטן, אבער זיי האבן נישט קיין שייכות צו אונזער היינטיגן דור, לא יצא ידי חובתו, איז ער נישט יוצא זיין חוב פאר השי"ת, ווייל א איד דארף אז דער אייבערשטער באנייט די נסים פון נס פורים אין יעדן דור.

◈ ◈ ◈

מ'זאגט נאך פון צדיקים אז דורכ'ן ליינען די מגילה איז מען משפיע אלע גוטע השפעות פון בני חיי ומזוני, וואס די גמרא זאגט אין מס' מועד קטן אז דאס זענען דריי זאכן וואס זענען געוואנדן אינעם מזל פון א מענטש, א רמז דערצו אז "מגלה" איז בגימטריא פונקט אזוי ווי "מזלא" (78).

(שער יששכר)

◈ ◈ ◈

"עס איז נישטא קיין שאץ ווי אזוי צדיקים האבן געדינט השי"ת ביים מגילה ליינען, און דער מענטשליכער מח קען דאס נישט משיג זיין".

(כ"ק מרן רבינו בעל דברי יואל זי"ע – תש"כ)

◈ ◈ ◈

"היינט האבן מיר געליינט די מגילה, עס פאלט א מורא'דיגער פחד, יעדעס ווארט פון די מגילה טוט שפאלטן הימלען, מיר האבן זוכה געווען צו ליינען די מגילה בציבור און צו מאכן א נחת רוח פאר'ן לעבעדיגן באשעפער, טאמער איז מען זוכה נאר איינמאל אין לעבן צו טוהן דעם רצון הבורא איז אלעס כדאי".

(כ"ק מרן רבינו בעל דברי יואל זי"ע – תשי"ט)

◈ ◈ ◈

"די מפרשים פרעגן פארוואס עס ווערט נישט דערמאנט דעם "שם" פונעם באשעפער אין די מגילה, אבער ווען איך האב זיך מתבונן געווען בשעת'ן ליינען די מגילה האב איך געזעהן פול מיט שמות הקדושים וואו כ'האב נאר געקוקט".

(כ"ק מרן רבינו הק' בעל דברי יואל זי"ע – תשי"ד)

◈ ◈ ◈

"די קדושה פון די מגילה איז אזוי הייליג, אז מ'קען פארברענט ווערן פון די קדושה".

(מרן רבינו בעל דברי יואל – בעיר סאטמאר)

בס"ד

# מילי דבדיחותא

# מצדיקים

דער אבני נזר זצ"ל פלעגט דערציילן יעדן פורים די מעשה: עס איז געווען א שיכור אין קראקא וואס פלעגט זיך אנטרינקען פון אנהייב חודש אדר, האט ער מסביר געווען אזוי, ווייל לכאורה איז שווער אויף המן, אויב האט ער געוואלט אויס'הרג'ענען אלע אידן, פארוואס האט ער נאר באשטימט וועגן דעם איין טאג, עס קען דאך זיין אידן וואס וועלן זיך באהאלטן, פארוואס האט ער נישט באשטימט אויף אגאנץ חודש אדר? (דער אבני נזר האט מפליא געווען די קשיא אלס א שטארע קשיא).

האט דער שיכור געענטפערט אז המן האט מורא געהאט אויב עס וועט גארניטש געלונגען און ער וועט אדורך פאלן, וועלן די אידן טאנצן און פראווען א יו"ט אגאנץ חודש אדר, וועגן דעם האט ער באשטימט איין טאג.

"איך אבער", האט דער שיכור אויסגעפירט "ווייס דאך יא זיין שלעכטע כוונה, דעריבער בין איך מקיים דעם פורים מיט אלע הידורים פון אנהייב חודש אדר".

◆ ◆ ◆

דער עטרת צבי פון זידיטשויב זי"ע פלעגט נישט מאכן קיין סעודה אין שושן פורים, ביז איינמאל איז אריינגעקומען א חסיד און געפרעגט: "רבי, איך וויל פרעגן, נח, איז געווען א צדיק צי נישט?", האט דער רבי געזאגט: "אוודאי, עס שטייט דאך מפורש אין פסוק נח איש צדיק תמים?, וואס איז די שאלה?".

האט דער חסיד גע'טענה'ט: "אויב אזוי פארוואס מאכט נישט דער רבי קיין סעודה שושן פורים, עס שטייט דאך "ונח בחמשה עשר?".

פון דעמאלטס האט דער עטרת צבי געמאכט א סעודה אין שושן פורים.

(דברי יחזקאל)

בס"ד

דער מזונה לוי זאגט בדרך הלצה: פארוואס האט די טאכטער פון המן געווארפן א כלי של רעי אויף המן?

האט ער געזאגט ווייל די גמרא זאגט, המן מן התורה מנין שנאמר המן העץ, און רבי מאיר זאגט אז די מאכל פון די עץ הדעת איז געווען ווייץ, און די מעשה פון המן איז דאך געווען פסח, איז דאך המן געווען חמץ בפסח, און די הלכה איז ביי חמץ בפסח אז כופה עליו כלי, דעריבער האט זי אים צוגעדעקט מיט א כלי.

◆◆◆

# חִידָה לִכְבוֹד פּוּרִים

א איד א נגיד האט געזוכט א שידוך פאר זיין טאכטער, און מ'האט אים אנגעטראגן א געוויסן בחור, האט ער אנגעפרעגט ביים ראש ישיבה אינפארמאציע, און דער ראש ישיבה האט תיכף צוריק געשיקט א בריוו, דער בריוו האט אבער נישט געהאט קיין שטרעכעלעך, און דער עושר האט נישט געוואוסט ווי אזוי צו ליינען דעם בריוו, האט ער עס געליינט ווי פאלגענד:

"הבחור הזה יושב על השולחן, ספרים פתוחים על הארץ מתחת לרגליו, כלי מים בידו, מנענע על ימין, ועל שמאל ללמוד פעם אחת, אוכל כל היום, ומקצר מאוד בתפילתו, מרים קולו על אביו ועל אמו, אפשר לומר אשרי יולדתו".

דער עושר איז געווען זייער צובראכן אז אזא שוואכער בחור טראגט מען אים אן, ביז איינער האט אים אויסגעלערנט ווי אזוי צו ליינען די שטרעכעלעך:

"הבחור הזה יושב, על השולחן ספרים פתוחים, על הארץ מתחת לרגליו כלי מים, בידו מנענע על ימין ועל שמאל ללמוד, פעם אחת אוכל כל היום ומקצר מאוד, בתפילתו מרים קולו, על אביו ועל אמו אפשר לומר אשרי יולדתו".

בס"ד

# ויעבור מרדכי

## אמר רב שהעביר יו"ט הראשון של פסח בתענית

וקשה וכי לא היה יכול מרדכי לתקן תענית ביום חול

מסופר על הרה"ק רבי יצחק מראדוויל זי"ע, אשר טרם שנתפרסם היה עני גדול ועסק במלמדות אצל כפרי אחד, פעם חלה הכפרי מאוד ואמרו לו שיתן צדקה לעשרה עניים שיתענו יום שלם ויבקשו רחמים עליו, מובן שהראשון מהעשרה היה ר' יצחק, אך הוא לא התענה כלל כמו התשעה האחרים, אלא קנה בשר ודגים ומטעמים וסעד עם בני ביתו והטיבו לבם יחד, הכפרי הבריא וכשנודע לו איך שר' יצחק "התענה" חרה לו מאוד וישאלהו איך מלאו לבו לעבור על דברי משלחו, אשר נתן לו הכסף ע"מ שיתענה, השיבו ר' יצחק דע כי בתחילה חשבתי לעשות כדברך, אבל חשבתי שנית בלבי איזו פעולה תהיה מתעניתי בשמים רגילים למדי בתעניותי, לכן התבוננתי שיותר טוב לעשות בממונך סעודה יפה לי ולמשפחתי שבזה תתהווה התעוררות בשמים וישאלו מה יום מיומים, היכן לקח העני המרוד הזה סעודה שלמה כזו לו ולמשפחתו, ויימצא הדבר כי אתה החיית אותנו בכספך, ובזכות זו תזכה לרפואה וכן אפשר לומר שהיתה מחשבה מרדכי כי אם יתקן תענית ביום חול כבר רגילים בשמים שישראל מתענים על כל צרה שלא תבוא, אבל תענית בפסח לא אירעה עדיין, כי ביו"ט הכל שמחים וסועדים לבן ומזה תתעורר בשמים התמיהה מה קרה ויוודע למעלה כי עת צרה היא ליעקב ואז ממנה יוושע.

(מהרי"ד מבעלז)